ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 73

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## איז גראפאלאגיע אן אויסגעהאלטענע זאך?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב לעצטנס אסאך געארבעט צו מאכן א שידוך פאר א גרוש מיט א גרושה בזיווג שני, נאך אסאך ארבעט, נאך אסאך זיך נאכפרעגן און רעדן און איבערעדן, האט איין זייט באשלאסן אז זיי ווילן געבן א כתב יד פון די אנדערע זייט צו א גראפאלאג, און די ענטפער פונעם גראפאלאג איז געווען אז דער שידוך שטימט נישט.*

*איך האב געהאט גאר גרויס עגמת נפש פון דעם, עס האט מיר אינגאנצן אוועק גענומען דעם אפעטיט ווייטער צו טון אין שידוכים.*

*איך וויל וויסן וואס איז די ריכטיגע בליק אויף די גאנצע זאך פון גראפאלאגיע, האט עס אן אמת אין זיך? איז עס אויסגעהאלטן על פי תורה?*

*און איך אויך דארף איך חיזוק אז איך זאל ווייטער קענען עוסק זיין אין מאכן שידוכים.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת משפטים, כ"ה שבט, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

### עס האט נישט קיין שום מקור

די גאנצע זאך פון גראפאלאגיע איז א גרויסע דמיון אויסגעזויגן פון די פינגער, עס האט נישט קיין שום מקור אין די תורה, עס האט נישט מיט קדושה.

די צרה איז, אז ליידער זענען מיר אין אזא ביטערע גלות, אז ביי היימישע משפחות האט זיך שוין אויך אריינגעכאפט די אלע סארט דמיונות פון גראפאלאגיע וכו' וואס שטאמט פון די פעלקער און פון די ערב רב.

### טו ווייטער אין שידוכים פאר אידישע קינדער

טו ווייטער אין די גרויסע מצוה פון שידוכים, ווער נישט צעפאלן ביי זיך אז דער שידוך האט זיך נישט אויסגעפירט, טו ווייטער אין שידוכים פאר אידישע קינדער. ברוך השם איך טו אויך אין די הייליגע מצוה פון מאכן שידוכים, יעדן טאג טו איך אין שידוכים, און איך האב אויך אן א שיעור חלישות הדעת, עגמת נפש און בזיונות, און ביי מיר קומט אויך אריין די מחשבות פון אפלאזן, איך טראכט צו זיך - נאכן זיך פארען מיט א שידוך און עס ווערט פארפלאנטערט וכו' וכו' - 'וואס פעלט מיר אויס מאכן שידוכים?' איך טראכט: 'שוין גענוג געווען, דאס איז די לעצטע שידוך מיט וואס איך פארע זיך'; אבער איך דערמאן זיך פון מוהרא"ש וואס האט געבלוטיגט פאר שידוכים, געבלוטיגט צו מאכן שידוכים, ער האט גארנישט געהאט דערפון, נאר בזיונות און עגמת נפש. ער האט זיך פארשעמט פאר די גאנצע וועלט און ער איז ווייטער אנגעגאנגען ביז זיין לעצטע טאג אין זיין לעבן, דאס מאכט מיר ווייטער גיין.

זאלסטו אויך ווייטער טון אין שידוכים, און אז דו הערסט אז מען וויל א כתב פאר גראפאלאגיע אדער אנדערע טשאדעלע באדעלע מעשיות - זאלסטו רעדן מיט זיי און זאגן אז דאס איז נישט די דרך התורה, דאס איז קעגן די תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## פארוואס האב איך נישט געזען מרדכי הצדיק ביי די מגילה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*פאריאר פאר פורים האב איך געזען צעטלעך געשריבן אין נאמען פון רבי נתן אז ווער עס וועט שרייען דרייסיג טאג פאר פורים, "הצילני מקליפת המן עמלק, וזכני לקדושת מרדכי ואסתר", וועט זוכה זיין צו זען מרדכי הצדיק ביי די מגילה. איך האב עס געשריגן פאר די גאנצע דרייסיג טעג פאר פורים, אבער איך האב גארנישט געשפירט עפעס ספעציעל ביי די מגילה. וואס איז פשט פון דעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת פקודי, ג' אדר ב', שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**אפילו מען שפירט גארנישט**

צדיקים זאגן, עס לוינט זיך אראפצוקומען אויף די וועלט און עס זאל איבערגיין וואס גייט איבער - אבי זוכה זיין צו הערן איינמאל די הייליגע מגילה; עס האט נישט מיט וואס מען שפירט, אפילו מען שפירט גארנישט - איז דאס די בעסטע זאך פאר די נשמה.

**מען עפנט אויף די טירן פון גן עדן**

מוהרא"ש זכרונו לברכה דערציילט, עס איז געווען א איד וואס ביים צווייטן נאכט פסח נאכן סדר האט ער געליינט די מגילה, און ווען דער איד האט געענדיגט ליינען די מגילה האט ער דערזען פאר זיך שטיין א נשמה פון יענע וועלט. די נשמה דערציילט אז עס זענען דא נשמות אויבן אין הימל וואס זענען שוין אריבער דעם גיהנום און זיי זענען נאכאלץ נישט זוכה אריין צו קומען אין גן עדן ביז זיי וועלן האבן א ספעציעלע זכות. און יעדעס יאר ווען מען ליינט די מגילה עפנט מען אויף די טירן פון גן עדן, דעמאלט איז א צייט וואס אלע נשמות קענען אריינגיין אין גן עדן. אפאר חדשים פאר פורים קומען צו גיין טויזנטער און צענדליגער טויזנטער נשמות ביים טיר פון גן עדן וויל זיי ווילן שוין זוכה זיין צו קענען אריינגיין אין גן עדן, אבער וויבאלד עס נעמט נישט מער ווי אפאר שעה ווי לאנג מען ליינט די מגילה, איז נישטא גענוג צייט אז אלע נשמות זאלן קענען אנקומען אין גן עדן, דארפן זיי ווארטן אויפן קומענדיגן יאר ווען מען ליינט די מגילה.

**מען קען זוכה זיין צו גן עדן**

זאגט די נשמה ווייטער: "איך פרוביר שוין אפאר יאר זיך צו שטעלן ביים טיר פון גן עדן כדי צו קענען אריינגיין, אבער אלעמאל פארמאכט זיך דער טיר פינקט פאר איך גיי אריין; די יאר האב איך זיך שוין כמעט אריינגעכאפט, אבער ממש פאר מיר האט זיך די טיר פארמאכט! האב איך זיך בארעכנט אז איך גיי נישט אוועק פון דא ביזן קומענדיגן יאר, זאל זיין וואס זאל זיין. אזוי ווי איך שטיי דא און ווארט אויף קומענדיגן יאר פורים, **הער איך פלוצלינג ווי איינער ליינט די מגילה**, האב איך אנגעפאנגען צו קלאפן אויפן טיר פון גן עדן אז מען זאל מיר עפענען די טיר, איז געקומען דער מלאך וואס איז ממונה צו זיין דער שומר הפתח און מיך געפרעגט פארוואס איך קלאפ, האב איך געזאגט **'איך הער ווי מען ליינט די מגילה און איך וויל אריינגיין אין גן עדן'**, האט מיר דער מלאך געזאגט: 'יעצט איז פסח, יעצט איז נישט די צייט אריין צו גיין אין גן עדן, דו דארפסט ווארטן אויפן קומענדיגן יאר פורים', איך האב גע'טענה'ט 'וואס איז א נפקא מינה צי עס איז פסח צו פורים? וויבאלד מען ליינט די מגילה דארף מען מיך אריינלאזן!' איך האב געשריגן און גע'טענה'ט ביז מען איז געקומען פון בית דין של מעלה זען וואס די קולות זענען, נאכן אויסהערן ביידע צדדים האט בית דין של מעלה געזאגט אזוי: 'יעצט איז טאקע נישט די צייט ווען מען קען אריינלאזן אין גן עדן, אבער אויב דו וועסט גיין צו דער איד וואס ליינט די מגילה און ער וועט פסק'נען אז מען דארף דיך אריינלאזן אין גן עדן - וועט מען דיך אריינלאזן'".

**מען קען זוכה זיין צו גן עדן**

האט די נשמה געבעטן דעם איד: "איך בעט אייך, געבט מיר רשות אריין צו גיין אין גן עדן איך זאל שוין מתוקן ווערן", האט דער איד געזאגט: "איך נעם אויף מיר דעם תפקיד דיך צו מתקן זיין און גיי זאג פארן בית דין של מעלה אז מען זאל דיך אריינלאזן אין גן עדן"; זעט מען דאס גרויסקייט וואס מען קען זוכה זיין ביי קריאת מגילה, מען קען זוכה זיין צו גן עדן.

**צעברעך זיך נישט, דאס אליין אז מען וויל זיין גוט; מען וויל, מען בעט און מען בענקט, מען וויל זיין ערליך - דאס איז קדושת מרדכי ואסתר.**

צעברעך זיך נישט, דאס אליין אז עס גייט אריבער דרייסיג טעג און מען בעט טאג נאך טאג: **"הייליגער באשעפער איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין ערליך, ראטעווע מיך פון המן און עמלק און זיי מיך מקרב צו דיר"** - דאס איז קדושת מרדכי ואסתר, און דאס אליין אז מען וויל זיין גוט; מען וויל, מען בעט און מען בענקט, מען וויל זיין ערליך - דאס איז קדושת מרדכי ואסתר.

**דו שריי ווייטער**

לאז נישט אפ די הייליגע עבודה, דו שריי ווייטער: "רבונו של עולם, ראטעווע מיך פון המן און עמלק, און געב מיר צו שפירן די זיסקייט פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה, איך זאל ליב האבן די תורה, ליב האבן די מצוות".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**